

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

צו - פורים (נב)
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ב

## פראגע

**דער רב האט היינט גערעדט אז דער לימוד פון פורים איז ווי שטארק השי"ת האט ליב כלל ישראל און אונזער אויפגאבע איז צו האבן אהבת השם און אהבת ישראל. אבער איז נישט די שמחת פורים צוליב "קימו וקבלו" - אז מען האט נאכאמאל מקבל געווען די תורה באהבה נאכן נס פורים?**

## ענטפער:

**דער** ענטפער איז יא, ס'איז נישט קיין שום פראגע. איך וויל אייך זאגן עפעס. עזרא הסופר איז געקומען, און די גמרא זאגט "ראוי היה עזרא שתנתן התורה לישראל על ידו." אז די תורה וואלט געקענט געגעבן ווערן צו אונז דורך עזרא. עזרא האט געמאכט אן אויסטערלישע מהפיכה אין כלל ישראל. בעפאר עזרא האט מען נישט געדארפט דאווענען שחרית, מנחה ומעריב. דו האסט נישט געדארפט מאכן א ברכה. א בורא פרי העץ אדער המוציא לחם מן הארץ איז נישט געווען קיין חיוב. זיכער האבן מענטשן מתפלל געווען צו השי"ת, און מענטשן האבן אים געדאנקט פאר די שפייז. אבער ס'איז נישט געווען קיין **חיוב** צו דאווענען דריי מאל א טאג און מאכן ברכות. אזוי אויך "מוקצה". אסאך סארטן מוקצה איז געווען מותר.

און עזרא איז געקומען מיט די אנשי כנסת הגדולה און זיי האבן געמאכט א גאנצע רייע פון "תקנות חכמים". זיי האבן גענצליך געטוישט די **צורה** פון אידישקייט. עזרא האט אלעס געטוישט, ווייל ער האט געזען אז ווען די אידן זענען אין גלות דארף זיי האבן א "סייג לתורה" – א צוים ארום די תורה. אז נישט, ווער ווייסט וואס עס קען פאסירן צו אונז. דעריבער האט ער געמאכט א גדר ארום די תורה. איז אייגנטליך איז עזרא געקומען מיט א נייע תורה פאר כלל ישראל. יעצט, עס איז פאקטיש **נישט געווען ניי**. ס'איז אסור צו מוסיף זיין אויף די תורה, אבער ער האט געמאכט "איסורי דרבנן". ער האט קלאר געזאגט אז אלעס איז מדרבנן, אבער ס'איז א "סייג", א צוים צו שיצן אויף די תורה – אפצוהיטן דעם עם ישראל.

יעצט, וויאזוי האט ער געקענט מאכן אז כלל ישראל זאל עס אננעמען? איר מיינט ס'איז געווען גרינג?! מיר זענען אן עם קשה עורף. עס איז געווען אן אויסטערלישע **שינוי**! וויאזוי האט עס עזרא באוויזן? דער ענטפער איז אז עס איז געקומען פורים, און עס איז געווען אזא ליבשאפט צו השי"ת, אז ס'איז געווען "קיימו וקבלו" – זיי האבן עס מקבל געווען! נישט בלויז האבן זיי מקבל געווען נאכאמאל די אלטע תורה, נאר זיי האבן עס אנגענומען מיט אזא גרייטקייט אז זיי זענען אפילו גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די אלע נייע תקנות פון עזרא, זיי צו מקיים זיין. איז דורך פורים האבן די תקנות פון עזרא באקומען די שטארקייט וואס האט זיך פארלאנגט אז עס זאל פארבלייבן מיט כלל ישראל אויף אייביג. איז דו פרעגסט מיר צו מיר פייערן דאס? הונדערט פראצענט אז פורים פייערן מיר אויך דעם "הדר קבלוהו מאהבה". קיין שום ספק.

אבער איר דארפט וויסן אז דאס איז נאר **אגב אורחא**. דאס איז נישט דער עיקר געדאנק פון פורים. דאס איז נישט קיין אפענע פסוק. דער געדאנק פון "קיימו וקבלו" איז נישט דער פשוט'ער פשט. דער פשט אין דעם פסוק

מיינט נישט אז זיי האבן זיך מקבל געווען צו מקיים זיין די תורה. עס איז א גוטע **דרש** און **ס'איז אמת**, אבער דאס איז נישט די ארגינעלע **פשוטו של מקרא**.

און דערפאר איז דער וויכטיגסטער לימוד פון פורים עפעס אנדערש. אז הקדוש ברוך הוא איז **"אוהב עמו ישראל"**. דאס איז דער לימוד פון פורים. אז הקדוש ברוך הוא האט ליב דעם עם ישראל מער פון יעדע אנדערע זאך. דאס איז דער עיקר לימוד פון פורים! אנדערע זאכן, וואס דו הערסט אויף אנדערע פלעצער איז אויך אמת. קען זיין. אבער דער עיקר לימוד פון פורים איז דאס: אז הקב"ה איז **אוהב** דעם **עם ישראל**.

זיכער, אלס רעזולטאט פון דעם, זענען מיר מער געטריי צו אים. מיר זענען מקבל צו טון אלעס יעצט, וויבאלד ער האט אונז געראטעוועט. זיכער, דאס איז געווען א רעזולטאט פון די שמחה וואס מיר האבן געהאט ווען מיר האבן געזען זיין גרויס אהבה צו אונז. אבער דער גרויסער לימוד איז בלויז דאס. אז ער האט אונז ליב. און דער לימוד וואס מיר דארפן לערנען איז אז מיר דארפן זיך איינזלערנען צו ליב האבן דעם עם ישראל דעם זעלבן וועג ווי הקדוש ברוך הוא האט ליב דעם עם ישראל.

דער איבערשטער האט געמאכט אן **אפענע דעמאנסטראציע** אום פורים. ער האט דעמאנסטרירט זיין אהבה צו אונז. און ער וויל אז מיר זאלן אויך נאכפאלגן זיין לימוד און ליב האבן כלל ישראל אזוי ווי ער. מיר האבן ליב דעם עם ישראל ווייל השי"ת האט ליב דעם עם ישראל. עס איז א וועג ארויסצוציייגן אונזער אהבה צו השי"ת. און פורים דארפן מיר אנהייבן צו ארבעטן דערויף, צו ערפילן וואס הקב"ה האט אונז געוויזן אביישפיל אין פורים.

## פראגע

## פארוואס איז זיך געקומען פאר די אידן אין די צייטן פון פורים א גזירת השמדה?

## ענטפער:

**די** גמרא זאגט דעם ענטפער דערויף, **"מפני שנהנו מסעודתו של אחשורוש"** (מגילה יב.) – ווייל זיי האבן הנאה געהאט פון די סעודה פון אחשורוש.

עס שטייט נישט ווייל זיי זענען **געגאנגען** צו די סעודה; זיי האבן **געמוזט** גיין ווייל זיי האבן געמוזט ווייזן פאר'ן קעניג אז זיי זענען פאטריאטן. זיי זענען געווען געצווינגען צו גיין. אבער געוויסע פון זיי זענען געגאנגען מיט א געוויסע מאס געשמאק. מיר זענען אויך בירגער, מיר ווערן אויך אנערקענט און געלאדנט, מיר זענען אויך עפעס. ווען זיי זענען געזיצן ביי די טיש זענען געוויסע פון זיי געווען פרייליך אז זיי קענען זיין א חלק פון אלע פעלקער.

וועגן דעם האט דער איבערשטער געזאגט, "איך, די איבערדערוועלטע פאלק, פארגעסט אייער אריסטאקראטיע?! איר זינקט אזוי נידריג צו זיין פרייליך אז איר באקומט כבוד פון זיך מישן מיט אנדערע פעלקער? איך וועל אייך דארפן דערמאנען ווער די פעלקער זענען!"

און אזוי, ווען המן'ס גזירה איז ארויסגעגאנגען צו די 127 מדינות, האבן די אידן געזען אראפגייענדיג די גאס וויאזוי די גוים זאמלען זיך איין ארום די בולעטין-טאוולען און ליינען די גזירה מיט פרייד. אויף א געוויסע טאג ווערט זיי געגעבן די רעכט זיך צו לאזן וואולגיין אויף די אידן. און די גוים האבן זיך געלעקט די ליפן אין ערווארטונג! ווען דער איד איז דורכגעגאנגען האט אים דער גוי אפגעמאסטן מיט זיינע אויגן; דאס איז א גרויסע פישל, מיר וועלן אים כאפן ווען דער טאג קומט. דעמאלטס האט דער איד אנגעהויבן צו פארשטיין ווער זיינע שמייכלדיגע שכנים זענען באמת.

די זעלבע איז געווען מיט די גוים פון ליטע און לאטוויע און אלע אנדערע פלעצער. די שכנים מיט וועם אידן האבן געוואוינט פאר לאנגע דורות, און זיי האבן אויסגעזען אזוי פריינטליך, זיי זענען געווען די וואס האבן זיי איבערגעגעבן צו די נאציס. גלחים האבן איבערגעגעבן אידן צו די נאציס.

דער רב פון גראסווארדיין האט דערציילט אז זיין שוואגער האט פרובירט צו אנטלויפן פון געטא, ווען אן אונגארישער גלח האט אים אנגעכאפט ביי די ארעם און אים איבערגעגעבן פאר די נאציס צו ווערן הינגעריכטעט.

וויאזוי קען זיין אז דער קארדינאל בריסגאז אין ליטע האט אויסגעלויבט די נאציס אויף וואס זיי טוען? אודאי איז עס געווען פאר'ן צוועק פון אונז לאזן וויסן ווער אונזערע פריינטליכע שכנים זענען.

דערפאר, ווען זיי זענען געווען שטאלץ און גליקליך זיך צו חבר'ן מיט די אומות העולם, האט דער אויבערשטער זיי געגעבן צו שפירן וואס די אומות העולם זענען באמת.

## פראגע

### פארוואס איז די "הסרת טבעת" געווען מער ווירקזאם ווי די ווערטער פון אלע נביאים?

## ענטפער:

**די** גמרא זאגט (מגילה יד.) "גדולה הסרת טבעת יותר ממ"ח נביאים וז' נביאות שנתנבאו להן לישראל" – עס איז גרעסער געווען דער אקט פון אויסטון די רינגל פונעם קעניג'ס פינגער און עס ארויפלייגן אויף המן'ס פינגער, מער פון די מוסר וואס אלע נביאים האבן געזאגט פאר כלל ישראל. וויאזוי קען עס זיין?

און דער ענטפער איז: **"אינו דומה שמיעה לראיה"** – הערן איז נישט גלייך צו זען. ווייסט איר דען נישט?! מען זעט עס כסדר אז עס זענען דא אסאך קלוגע דברי מוסר וואס מענטשן הערן אין זייער יוגנט פון זייערע עלטערן און מחנכים. אבער אין רוב פעלער דארפן זיי ליידן די קאנסעקוועשנצן פון זייער אייגענע אומריכטיגע אויפפירונגען, בעפאר זיי הייבן אן צו אנערקענען וואס זייערע עלטערן און מחנכים האבן באמת געמיינט.

א קלוגער מענטש איבער לערנט זיך פון די דורכפעלער פון אנדערע. נאר א שוטה ווארט אליינס דורכצולעבן אלע טעותים. אבער דאס איז דער מענטשליכער נאטור.

עס מיינט נישט אז די נביאים האב נישט אויפגעטון. איר קענט זיין זיכער אז ווען משה רבינו האט גערעדט, ווען יהושע האט גערעדט און ווען רבי עקיבא האט גערעדט, האבן מענטשן אויסגעהערט און בעסער געווארן. אבער עס איז אלעמאל דא א געוויסע חלק וואס נעמט זאכן לייכט; עס האט נישט גענוג א טיפע השפעה. און דערפאר דארף דער אויבערשטער ברענגען אויף זיי פאקטישע רדיפות כדי זייער הארץ זאל זיך קערן צו אים.

א מענטש וואס קען לערנען חכמה אן דורכגיין פערזענליכע יסורים, ער איז דער קלוגער מענטש.

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש איינקויפן מנוחת הנפש?

## ענטפער:

**דאס** פארלאנגט א גאנצע שיעור עס צו ערקלערן. אבער אויב ווילט איר א קורצע ענטפער, קען איך אייך רעקאמענדירן א שנעלע וועג.

איינס פון די גרינגסטע וועגן איז צו זיצן רואיג פאר זיך אליינס און זינגען "שובי נפשי למנוחיכי" – קער זיך צוריק מיין זעל צו דיין רואיגקייט. זינגט עס איבער אסאך מאל. עס וועט אייך בארואיגן. זאגט די ווערטער: "מיין זעל, קער דיך צוריק צו דיין רואיגקייט." נאכאמאל און נאכאמאל. און נאך א שטיק צייט וועט עס אריינזינקען אין אייער נשמה. עס וועט זיין ווי באלזאם פאר אייער נפש.

דאס איז וואס איך רעקאמענדיר. ס'איז נישט קיין סגולה. ס'איז שכל הישר. נאך א ווייַלע, קענט איר אפילו אנהייבן צו פארשטיין וואס די ווערטער מיינען. (#301)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה, עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

**דערקוויקט אייער מח און נשמה!**

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
**א וואך**
**מועדים $3**

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב